**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט די עפענונג פון די דריטע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס געשעפט אין מאנהעטען

***נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציע צו עפענען באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט אין יוניאן סקוועיר מאנטאג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די דריטע באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט (Conditional Adult-Use Retail Dispensary, CAURD) אין מאנהעטען, ניו יארק. די עפענונג פון די געשעפט רוקט פאראויס ניו יארק סטעיט'ס 'סידינג' געלעגנהייט איניציאטיוו (Seeding Opportunity Initiative) און די סטעיט'ס ציהלן פון גלייכקייט אין קאנאביס לייסענסירונג, גיבנדיג א דין קדימה צו באקומען א לייסענס פאר מענטשן וועלכע זענען געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם – נעמליך מענטשן מיט א קאנאביס באשולדיגונג אדער א נאענטע קרוב פון אזא איינעם – און נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציעס וועלכע העלפן ארויס אזעלכע יוסטיץ-פארפלאנטערטע מענטשן.

"מיר בויען אויף א קאנאביס אינדוסטריע דא אין ניו יארק סטעיט וואס איז יושר'דיג און ברענגט נייע איינקונפט קוועלער פאר נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציעס וועלכע שטעלן צו שטיצנדע סערוויסעס פאר אונזערע קאמיוניטיס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס איז די לעצטע עררייכונג אין אונזערע באמיאונגען צו מאכן די אינדוסטריע וואקסן בשעת'ן ברענגען דזשאבס און געלעגנהייטן פאר אזעלכע מענטשן וועלכע זענען היסטאריש געציהלט געווארן מער פון אנדערע פאר קאנאביס פארלעצונגען."

די געשעפט וועלכע עפנט זיך אין מאנהעטען וועט זיין אפן אונטער א לייסענס וואס ווערט געהאלטן דורך The Doe Store, אן אונטערשטע פירמע פון The Doe Fund, א נאָן-פּראַפיט ארגאניזאציע. עס וועט אויפגעהאלטן ווערן דורך Harbour Community. די געשעפט וואס שטייט אויף 62 East 13th Street וועט גערופן ווערן "A Cannabis Store :Union Square Travel Agency." זינט 1985 האט The Doe Fund געהאלפן נאענט צו 30,000 מענטשן צו איבערהאקן די שרעקליכע רעדל פון ארימקייט, היימלאזיגקייט און זיין איינגעזעצט אין טורמע. איר Ready, Willing & Able (גרייט, וויליג און אומשטאנד) פראגראם שטעלט צו באצאלטע ארבעט, האוזינג און ארומיגע שטיצע סערוויסעס פאר היימלאזע און געוועזענע ארעסטירטע מענטשן אין ניו יארק סיטי. עס וועט זיך עפענען מיטאג מאנטאג, פעברואר 13. די ערשטיגע אפענע שעה'ן וועלן זיין 10 אינדערפרי ביז 10 ביינאכט, זונטאג ביז דאנערשטאג, און 10 and אינדערפרי ביז 11 ביינאכט פרייטאג און שבת.

**טשעיר פון די קאנאביס קאנטראל באורד (Cannabis Control Board), טרעמעין רייט, האט געזאגט,** "די עפענונג פון די דריטע געשעפט אין מאנהעטען צייכנט אפ די לעצטע עררייכונג אין די וואוקס פון ניו יארק סטעיט'ס קאנאביס אינדוסטריע. די נייע לאקאציעס וועלן געבן א געלעגנהייט פאר לאקאלע ביזנעסער צו פארזעצן צו וואקסן און בויען א לעבעדיגע מארקעט בשעת'ן אויסנוצן די וואקסנדע פארלאנג

פאר זיכערע, אונטערגעזוכטע קאנאביס פראדוקטן פון א הויכע קוואליטעט. די מעגליכקייטן פאר אונזער יונגע מארקעט זענען ענדלאז."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM), קריס אלעקסענדער, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט צו האבן נאך א זיכערע און פארלעסליכע קאנאביס געשעפט אפן פאר די מענטשן פון ניו יארק סטעיט און אלע וועלכע באשלוסן זיך צו באטייליגן. די עפענונג פון אזעלכע געשעפטן היטן אויף די הצלחה פון אונזער שווערע ארבעט. עס איז א באגייסטערנדע תקופה פאר קאנאביס באניצער אזוי ווי זיי האבן יעצט צוטריט צו מער זיכערע און פארלעסליכע פראדוקטן פון סיי ווען בעפאר."

**מאנהעטען בארא פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** "אזוי ווי די קאנאביס אינדוסטריע פארשפרייט זיך אין ניו יארק, איז דאס גאר וויכטיג צו שטיצן CAURD-לייסענסירטע געשעפטן ווי די Union Square Travel Agency וואס שטעלט גלייכקייט אין צענטער און אינוועסטירט אין קאמיוניטיס וועלכע זענען די מערסטע געשעדיגט געווארן פון מאריכואנא לעגאליזאציע [פארבאט]. מאנהעטען איז באגייסטערט צו ענטפאנגען א געשעפט וועמען'ס פארדינסטן וועלן גיין צו פינאנצירן שטיצנדע סערוויסעס פאר יוסטיץ-פארפלאנטערטע ניו יארקער וועלכע גייען אריבער ארימקייט און היימלאזיגקייט."

**פרעזידענט פון Union Square Travel Agency: A Cannabis Store, ארענע הענקין-ביגערס, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט צו פארווירקליכן די שפעפרישע סטרוקטור וואס איז אהערגעשטעלט געווארן דורך ניו יארק סטעיט וואס ערלויבט נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס צו ארבעטן מיט די פריוואטע סעקטאר צו זיכער מאכן אז די געלטער וואס ווערן אויפגעטריבן פון די נייע אינדוסטריע וועלן צוריקגעשיקט ווערן צו באפעלקערונגען וועלכע זענען די מערסטע געשעדיגט געווארן דורך די פארבאט פון קאנאביס. מיר האפן אז די סטרוקטור וועט דינען אלץ מוסטער וואס די איבעריגע פון דאס לאנד וועלן ווילן נאכמאכן."

**CEO פון Union Square Travel Agency: A Cannabis Store, פאול יאו, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר יעדער וואס האט בייגעשטייערט צו די עפענונג פון די Union Square Travel Agency: A Cannabis Store. אנגעהויבן פון אונזערע געוואלדיגע שותפים ביי The Doe Fund וועלכע האבן געהאט די קוראזש און שעפערישקייט זיך צו כאפן צו די געלעגנהייט; ביז די OCM, ניו יארק סטעיט און ניו יארק סיטי ביים אויספלאסטערן די וועג פאר די נייע אינדוסטריע און פאר זייער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז די לעגאלע אינדוסטריע וועט זיין א הצלחה; אונזערע געוואלדיגע מאנשאפט מיטגלידער וועלכע האבן אונז געשטיצט אין די אונטערנעמונג פון די אנהויב. מיר דאנקען אייך אלע."

**טשעיר פון די קאנאביס לייסענסירונג, קאמיוניטי באורד 2 מאנהעטען, מאר פיטצדזשעראלד, האט געזאגט,** "קאמיוניטי באורד 2 איז שטאלץ צו זיין א פירער אינעם ארבעטן מיט די קאמיוניטי איבער קאנאביס אין ניו יארק סיטי. קאנאביס ביזנעסער באררייכערן אונזערע געגענטער דורכן צושטעלן אן אייגנארטיגע סערוויס וואס פארגרעסערט די פארשידנארטיגקייט פון די ריטעיל געשעפטן. מיר זענען פרייליך צו ענטפאנגען אונזער דריטע געשעפט, די Union Square Travel Agency, צו די דיסטריקט."

די CAURD לייסענס איז א צענטראלע זייל פון די ניו יארק סטעיט איינזייען געלעגנהייט אינציאטיוו. דורך די אינציאטיוו וועלן ניו יארק'ס ערשטע לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפטן אפערירט ווערן דורך די וועלכע זענען שווערסטע באטראפן געווארן פון די אינפארסירונג פון די קאנאביס פארבאט אדער דורך נאָן-פּראפיט ארגאניזאציעס וועמען'ס סערוויסעס רעכענען אריין שטיצע פאר געוועזענע ארעסטאנטן. די אפטייקן מאכן לעגאלע דערוואקסענעם-באניץ מכירות מיט קאנאביס פראדוקטן געוואקסן ביי ניו יארק פארמערס.

כדי צו זיין בארעכטיגט מוז דער אפליקאנט אדער האבן אליין באשולדיגט געווארן צוליב קאנאביס אדער זיין א נאענטע קרוב פון אזא איינעם, און זיי מוזן האבן אדער האבן געווען די אייגנטימער פון א ביזנעס מיט פארדינסטן פאר צום ווייניגסטנס צוויי יאר. נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס זענען בארעכטיגט פאר CAURD לייסענסעס אויב זיי האבן א היסטאריע פון צושטעלן סערוויסעס פאר יעצטיגע אדער געוועזענע ארעסטירטע מענטשן, אריינרעכענענדיג זיי גיבן ארבעט'ס געלעגנהייטן; האבן צום ווייניגסטנס איין באורד מיטגליד וואס איז אליין פארפלאנטערט געווען מיט די יוסטיץ סיסטעם; צום ווייניגסנטס פינף פול-טיים ארבייטער; און האבן אפערירט א געזעלשאפטליכע קערפערשאפט וואס האט געהאט פארמעגנס אדער פארדינסטן פאר צום ווייניגסטנס צוויי יאר.

###

נאך נייעס איז דא צו לייענען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()